גליון 254
כי תבא תשפ"ה



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## בַּאשִׁיצְט פוּנֶעם פַּיְינְט

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי זִיבֶּעטֶע מַעֲשֶׂה, פוּן "דִי פְלִיג מִיטְן שְׁפִּין". דֶער רֶבִּי ז"ל הָאט אָנְגֶערוּפְן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיפְן נָאמֶען פוּן דִי צְוֵויי קְלֵיינֶע בַּעֲלֵי חַיִּים, וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִי צְוֵויי זַייטְן פוּנֶעם קֶענִיגְ'ס גֶעזֶעץ-בּוּךְ: דִי קְלֵיינֶע שְׁוַואכֶע פְלִיג וָואס כַאפְּט זִיךְ אָן בַּיים עֶק-בְּלַאט, אוּן דִי שְׁפִּין וָואס פְּרוּבִּירְט כִיטְרֶעשׁ צוּ אַטַאקִירְן אוּן אַרַיינְכַאפְּן דָאס פְלִיג.

דִי שְׁפִּין שְׁפִּילְט וִוי זִי וָואלְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט, אוּן דַאן דֶערְנֶענְטֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיז עֶר כִּמְעַט מַצְלִיחַ צוּ פַארְכַאפְּן דָאס פְלִיג, נָאר דִי בְּלַאט פוּן דִי סֵפֶר מִישְׁט זִיךְ אִיבֶּער אִיר אוּן שְׁטוּפְּט אִיר דִי גַאנְצֶע צַייט צוּרִיק מֶער אוּן מֶער, בִּיז וֶוען זִי וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְכַאפְּט צְוִוישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן סֵפֶר, "אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן אִיר".

דִי 'שְׁפִּין' אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן בַּעַל דָּבָר, וָואס לָאקֶערְט אוֹיף אוּנְז אוּן הַאלְט אוּנְז צוּרִיק פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דִי 'פְלִיג' אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט זִיךְ גָאר שְׁוַואךְ קֶעגְן דִי יֵצֶר הָרָע. אָבֶּער דִי קְלֵיינֶע שְׁפִּין אִיז נִישְׁט מְוַותֵּר, אוּן יֶעדֶעס מָאל קוּמְט זִי אָן מִיט קְלוּגְשַׁאפְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִים אַרָאפְּצוּוַוארְפְן אוּן בְּרֶענְגֶען צוּ יֵאוּשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוַואךְ אוּן קְלֵיין, אוּן קֶעגְן אִים אִיז דָא דֶער בַּעַל דָּבָר וָואס אִיז אַזוֹי קְלוּג אוּן כִיטְרֶע, אִיז וִויאַזוֹי קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים?

דוּרְכְן בְּלַאט פוּן דֶעם סֵפֶר! וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי תּוֹרוֹת אוּן סְפָרִים פוּן דֶעם צַדִּיק, וָואס וֶוער עֶס הַאלְט עֶס שְׁטַארְק אָן, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, גֵייט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם נֶעץ פוּנֶעם בַּעַל דָּבָר. נִישְׁט מִיט אוּנְזֶער כֹּחַ, נָאר מִיטְן גְרוֹיסְן כֹּחַ פוּן דֶעם צַדִּיק.

אִין בֶּעפָארְבְּרֵייטֶערוּנְג צוּם טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה, אִיז מְנַשֶּׁה צוּגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ אֵיינֶער פוּן דִי עֶלְטֶערֶע מִתְפַּלְלִים, פוּן דִי אוֹיסְגֶערוּפֶענֶע עוֹבְדֵי ה' אוּן מַתְמִידִים – ר' גֵּרְשׁוֹן שְׁלִיטָ"א, צוּ הֶערְן פוּן אִים הֲכָנָה וֶוערְטֶער פַארְן בַּר מִצְוָה:

"הֶער זִיךְ צוּ מְנַשֶּׁה, אִיךְ וִויל דִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן. אֵייבִּיג זֶעסְטוּ מִיר דַאוֶונֶען שְׁטַארְק אוּן לֶערְנֶען פִיל סְפָרִים אוּן מַאכְן סִיּוּמִים... דָאס הָאט נִישְׁט פַּאסִירְט אִין אֵיין טָאג. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בְּעֶרֶךְ אִין דַיין עֶלְטֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל זַיין אַ גְרוֹיסֶע עוֹשֶׁר, אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַלֶע וֶועלְן מִיר מְכַבֵּד זַיין.

"דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן פִיל גֶערֶעדְט אִיבֶּער טַייעֶרֶע אוֹיטָאס, אוּן גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אִין קַאוֶועשְׁטִיבְּל אוּן דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער בִּיזְנֶעס... וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעהֶערְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצְן: אִיךְ וֶועל שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אוֹיךְ צוּ זַיין אַ מְכוּבָּדִ'יגֶע עוֹשֶׁר.

"דֶערְנָאךְ, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דָארְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן דִי וֶועלְט אִיז נָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן כָּבוֹד אוֹיפְן וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁטוּת אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן – נוּ, וָואס הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען? צוּ אוֹיסְנוּצְן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן בְּלוֹיז אוֹיף תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה.

"וִוידֶער בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטִיבֶּעלֶעךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי אַלֶע זֶענֶען נִתְפָּעֵל פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט אַ טַייעֶרֶע שַׁיינֶענְדִיגֶע אַנְצוּג מִיט אַ הֶערְלִיכֶע מוּסְטֶער... זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט אַזַא פְלַאם, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצְן: אִיךְ וֶועל אוֹיךְ אַזוֹי זַיין.

"בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי סְפָרִים פוּן ר' נָתָן, אוּן מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ בְּרֶענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ גֵיי נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע טֶעג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן שִׂמְחָה אוּן לֶערְנֶען דִי סְדָרִים'. אַזוֹי הָאט דִי 'שְׁפִּין' גֶעהַאקְט אוֹיף מִיר יֶעדֶע טָאג מִיךְ אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן אִין דִי בְּלָאטֶע פוּן גַּשְׁמִיּוּת.

"דוּ זָאלְסְט אָבֶּער וִויסְן מְנַשֶּׁה: וֶוען נִישְׁט דָאס בְּלֶעטְל פוּנֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט בַּאשִׁיצְט אוֹיף מִיר, וָואלְט עֶר מִיר גֶעוִוינֶען, אוּן אִיךְ וָואלְט הַיינְט גֶעוֶוען טִיף טִיף פַארְזִינְקֶען אִין דִי פוּסְטֶע זַאכְן פוּן עוֹלָם הַזֶּה!".

